בוך 2 איינלאגע וואס איר זאלט וויסן וועגן סאָושעל סערוויסעס פראגראמען

בלאט 6

ערזעצט 1׳טע שו״ת מיט די פאלגענדע:

**ש. צו קען איך באקומען צייטווייליגע הילף אויב בין איך נישט קיין בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן?**

**ת.** אויב איר זענט נישט קיין בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, מוזט איר דאקומענטירן אז איר זענט אין איינע פון די קאטעגאריעס אויסגערעכנט אונטן אויף צו זיין בארעכטיגט פאר צייטווייליגע הילף (געוויסע מענטשן קענען בלויז באקומען סעיפטי נעט הילף):

1. א יו-עס נישט-בירגער איינוואוינער; אדער
2. א צפון אמעריקאנער אינדיאנער געבוירן אין קאנאדע צו וועמען די באדינגונגען פון טייל 289 פון דער אימיגראציע און נאציאנאליטעט אקט (Immigration and Nationality Act, INA) זענען אנווענדליך; אדער
3. א מיטגליד פון א פעדעראל-אנערקענטער אינדיאנער שבט, ווי דעפינירט אין טייל 4(e) פונעם אינדיאנער זעלבסט-באשטימונג און בילדונג הילף געזעץ (25 U.S.C. 5304(e)), וואס איז געבוירן אויסער די יו-עס; אדער
4. אן אויסלענדישער אריינגעלאזט אין דער יו-עס אלס רעפיודזשי אונטער סעקשען 207 פון דער INA; אדער
5. אן אויסלענדישער וועלכע איז געשאנקן געווארן אַסיילום אונטער טייל 208 פונ׳ם INA; אדער
6. אן אויסלענדישער וועמענס דעפארטאציע איז צוריקגעהאלטן געווארן אונטער טייל 243(h) פונ׳ם INA לויט ווי עס איז געווען גילטיג בעפאר אפריל 1, 1997, אדער אן אויסלענדישער וועמענס אוועקפירן איז אפגעהאלטן געווארן אונטער טייל 241(b)(3) פונ׳ם INA; אדער
7. אן אויסלענדישער וואס איז א קובאניש אדער האיטישער אריינקומער, ווי ערקלערט אין טייל 501(e) פון דער רעפיודזשי עדיוקעשען הילף אקט פון 1980; אדער
8. אן אויסלענדישער אריינגעלאזט אין דער יו-עס אלס אן אמער-אזיאנער אימיגראנט ווי ערקלערט אין טייל 402(a)(2)(A)(i)(V) פון דער פערזענליכע פאראנטווארטליכקייט און ארבעטס אויסשטימען אקט פון 1996 (8 U.S.C. 1612(a)(2)(A)(v)); אדער
9. געוויסע המאָנג אדער היילענדישע לאַאָסישע אויסלענדישער; אדער
10. א קוואליפיצירנדע אויסלענדישער וואס איז אין אקטיווע מיליטער דינסט, אויסער אקטיווע דינסט אויף טרענירונג, אין די יו-עס אַרמד פאָרסעס, אדער זייער מאן/פרוי, זייער אומווידער-פארהייראטע אלמן אדער אלמנה, אדער אומפארהייראטע קינד אויב דער געוועזענער מאן/פרוי אדער אנגעוויזענע קינד איז אויך אן אויסלענדישער אין א קוואליפיצירנדע סטאטוס; אדער
11. א קוואליפיצירנדע אויסלענדישער וועס איז א וועטעראן און וואס (1) האט באקומען א דיסטשארדזש פון די יו-עס אַרמד פאָרסעס כאראקטעריזירט אלס עהרענד און נישט פאר׳ן סיבה פון זיין אן אויסלענדישער, אדער (2) האט א קוואליפיצירנדע צושטאנד, ווי ערקלערט אין טייל 350 פון דער ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו געזעץ, און האט באקומען א דיסטשאַרדזש אויסער פאר בייזע אויפפירעכץ אדער פארשוועכטע-עהרע (און נישט פאר׳ן סיבה פון זיין אן אויסלענדישער) פון די אַרמד פאָרסעס, אדער (3) איז א דיסטשאַרדזש׳טע LGBT וועטעראן, ווי ערקלערט אין טייל 350 פון דער ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו געזעץ, און האט באקומען א דיסטשאַרדזש אויסער פאר בייזע אויפפירעכץ אדער פארשוועכטע-עהרע (און נישט פאר׳ן סיבה פון זיין אן אויסלענדישער) פון די אַרמד פאָרסעס; אדער זייער מאן/פרוי, אדער זייער אומווידער-פארהייראטע אלמן אדער אלמנה, אדער אומפארהייראטע קינד אויב דער געוועזענער מאן/פרוי אדער אנגעוויזענע קינד איז אויך אן אויסלענדישער אין א קוואליפיצירנדע סטאטוס; אדער
12. א קוואליפיצירנדע אויסלענדישער וועלכער האט געארבעט פאר 40 קוואליפיצירנדע פערטל-יאר און איז געזעצליך אריינגעלאזט געווארן פאר פערמאנענטע וואוינונג אין דער יו-עס בעפאר אויגוסט 22, 1996, אדער וואס איז אריינגעקומען אין דער יו-עס אום אדער נאך אויגוסט 22, 1996, און האט געוואוינט אין דער יו-עס פאר פינף אדער מער יאר אין א קוואליפיצירנדע סטאטוס. א קוואליפיצירנדע פערטל-יאר איז כולל סיי וואספארא פערטל-יאר געארבעט דורך איינע פון די עלטערן פון אן אויסלענדישער בשעת דער אויסלענדישער איז געווען אונטער 18 און סיי וואספארא פערטל-יאר געארבעט דורך א מאן / פרוי אין לויף

פון זיין פאַרהייראַט אויב דער אויסלענדישער בלייבט ווייטער פאַרהייראַט צו דער מאַן / פרוי אדער דער מאַן / פרוי איז געשטאָרבן. פערטל-יאָרן פאַרדינט נאָך דעצעמבער 31, 1996, ווערן נישט גערעכנט אויב דער אויסלענדישער באַקומט סיי וואָספאַרא 'מיענס-גע'טעסט'טע' פובליק בענעפיטן אין לויף פון די פערטל-יאָר; אדער

13. א קוואַליפיצירנדע אויסלענדישער וועלכער איז געזעצליך אַריינגעלאָזט געוואָרן פאַר פערמאַנענטע וואוינונג אין דער יו-עס בעפאָר אויגוסט 22, 1996, אדער וואָס איז אַריינגעקומען אין דער יו-עס אום אדער נאָך אויגוסט 22, 1996, און האָט געוואוינט אין דער יו-עס פאַר פינף אדער מער יאָר אין א קוואַליפיצירנדע סטאַטוס; אדער
14. א קוואַליפיצירנדע אויסלענדישער וועלכער איז אַריינגעקומען אין דער יו-עס אום אדער נאָך אויגוסט 22, 1996, און וועלכער האָט געוואוינט אין דער יו-עס אויף ווייניגער ווי פינף יאָר אין א קוואַליפיצירנדע סטאַטוס; אדער
15. אַן אויסלענדישער פּעראָל'ירט אַריין אין דער יו-עס אונטער טייל 212(d)(5) פון דער INA פאַר א פעריאָד פון ווייניגסטנס איין יאָר; אדער
16. אַן אויסלענדישער אַריינגעלאָזט על תנאי אונטער טייל 203(a)(7) פון דער INA ווי אין קראַפט בעפאָר אַפּריל 1, 1980; אדער
17. געוויסע איראַקישער אדער אַפגאַניסטאַנער געגעבן ספּעציעלע אימיגראַנט סטאַטוס אונטער טייל 101(a)(27) פון דער INA אדער טייל 602(B)(1) פון דער אַפגאַניסטאַנע אַליאירטע באַשיצונג אַקט פון 2009 (AAPA)/Sec 1059(a) פון דער נאַציאָנאַלע באַשיצונג אויטאָריזירונג אַקט פון 2006 (NDAA); אדער
18. געוויסע געליטענע אויסלענדישע ווי ערקלערט אין 8 U.S.C. 1641(c); אדער
19. אַן אויסלענדישער וואָס האָט באַקומען א סערטיפיקאַציע אדער באַרעכטיגונג בריוו פון דער יו-עס 'דעפּאַרטמענט אָוו העלט ענד יומען סערוויסעס' וועלכס אידענטיפיצירט זיי אלס געליטענע פון שווערע סאָרט טראַפיקינג אין מענטשן אדער אַן אויסלענדישער קלאַסיפיצירט אלס א נישט-אימיגראַנט אונטער טייל 1101(a)(15)(T)(ii) פון טיטל 8 אין איינקלאַנג מיט דער געליטענע פון טראַפיקינג און גוואַלדטאַט באַשיצונג אַקט פון 2000, ווי געענדערט; אדער
20. אַן אויסלענדישער וועמענס סטאַטוס איז נישט אויסגערעכנט אויבן און איז נישט אינערהאַלב די באַדייט פון דעם טערמין קוואַליפיצירנדע אויסלענדישער אבער וואָס איז אויף אַן אַנדערן אופן גערעכנט צו זיין 'פּערמאַנענט איינוואוינער אונטער פאַרב פון געזעץ' (PRUCOL) אין דער יו-עס, וועלכס רעכנט אַריין דאָס פאָלגענדע:
    a. אַן אויסלענדישער פּעראָל'ירט אַריין אין דער יו-עס אונטער טייל 212(d)(5) פון דער INA אויף ווייניגער ווי איין יאָר; אדער
    b. אַן אויסלענדישער וועלכער וואוינט אין די יו-עס לויט אַן אויפזיכט פאַראָרדנונג אונטער טייל 241(a)(3) פון דער (INA); אדער
    c. אַן אויסלענדישער וועמען מען האָט געשאַנקען אַן אָנולמענט פון צו ווערן אַוועקגעפירט לויט טייל A240 פון דער INA; אדער
    d. אַן אויסלענדישער געגעבן 'דעפערד עקשען' סטאַטוס; אדער
    e. אַן אויסלענדישער וועלכע איז געגעבן געוואָרן "3K", "4K", אדער "V" וויזא סטאַטוס אַוועקגעשטעלט דורך דער לעגאַלע אימיגראַציע פאַמיליע גערעכטיגקייט געזעץ (LIFE אַקט); אדער
    f. אַן אויסלענדישער געשאַנקען אַן אַקציע הדחה פאַר צווישענצייטליכע פאַרלייכטערונג פאַר א "U" וויזע; אדער
    g. אַן אויסלענדישער געשאַנקען "S" אדער "U" וויזע סטאַטוס; אדער
    h. אַן אויסלענדישער וועלכע צייגט אַז זיי זענען אַריינגעקומען און האָבן נאָכאַנאַנד געוואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטן בעפאָר יאַנואַר 1, 1972, לויט טייל 249 פונ'ם INA; אדער
    i. אַן אויסלענדישער וועלכער איז א פּערמאַנענטע נישט-אימיגראַנט, לויט די פּובליק געזעץ (P.L.) 99-239, ווי געענדערט דורך P.L. 108-188 (אַנווענדליך צו געוויסע בירגער פון די פעדעריטעד סטעיטס אָוו מייקראָניזשע און דער רעפּובליק פון די מאַרשאַל אינזלען) אדער P.L. 99-658 (אַנוועדליך צו בירגער פון דער רעפּובליק פון פּאַלאַו); אדער
    j. אַן אויסלענדישער געשאַנקען צייטווייליגע אָפּגעהיטענע סטאַטוס (TPS) דורך די 'יונייטעד סטעיטס' בירגערשאַפט און אימיגראַציע סערוויסעס (USCIS); אדער

k. אן אויסלענדישער וועלכער האט אן אַסיילום אפליקאציע אפהענגיג און איז געשאנקען געווארן באשעפטיגונג אויטאריזאציע דורך דער USCIS; אדער
l. אן אויסלענדישער וועלכער איז א געניסער פון אפגעשטופטע אינפארסירטע אפפארן לויט א דעזיגנירונג דורך דער פרעזידענט פון די יו-עס; אדער
m. אן אויסלענדישער באשטעטיגט דורך דער USCIS פאר ספעציעלע אימיגראנט דזשוּווענייל (SIJ) קלאסיפיקאציע; אדער
n. אן אויסלענדישער ווען דער USCIS האט עמטליך באשטימט איז לעגיטים אנוועזנד אין די יו-עס און ווען דער USCIS ערלויבט צו וואוינען אין דעם לאנד פאר אן אומבאשטימטע צייט.